בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פר' ראה

שנה ג'

## אני לדודי ודודי לי

חלק א': געטריישאפט צו כלל ישראל • חלק ב': תורה מיט דרבנן'ס: • חלק ג' געטריישאפט פון הקב"ה

## חלק א': געטריישאפט צו כלל ישראל

### א שטאט פון געצנדינערס

אין פרשת ראה זאגט אונז די תורה פון דעם עיר הנידחת, א אידישע שטאט וואו די איינוואוינער האבן אפגענייגט פונעם ריכטיגן וועג צו דינען עבודה זרה. **וְדָרַשְׁתָּ וְחָקַרְתָּ וְשָׁאַלְתָּ הֵיטֵב וְהִנֵּה אֱמֶת נָכוֹן הַדָּבָר נֶעֶשְׂתָה הַתּוֹעֵבָה הַזֹּאת בְּקִרְבֶּךָ** - און וועסט נאכזוכן און אויספארשן און גוט נאכפרעגן, און טאקע, די זאך איז אמת ריכטיג. די דאזיגע אומווערדיקייט איז געטון געווארן צווישן דיר, **הַכֵּה תַכֶּה אֶת־יֹשְׁבֵי הָעִיר הַהִוא לְפִי־חָרֶב** - דו זאלסט אויס'הרג'ענען די איינוואוינער פון דער שטאט מיט'ן שווערד.

יעדער, מענער, פרויען און קינדער זענען גע'הרג'עט געווארן. **הַחֲרֵם אֹתָהּ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־בָּהּ** - דו זאלסט איר פארוויסטן און אלעס וואס איז אין איר. אויך זייער פארמעגן, **וְאֶת־כָּל־שְׁלָלָהּ תִּקְבֹּץ אֶל־תּוֹךְ רְחֹבָהּ** - און איר גאנצן רויב זאלסט צאמקלייבן אין מיט'ן פון איר גאס, **וְשָׂרַפְתָּ בָאֵשׁ אֶת־הָעִיר וְאֶת־כָּל־שְׁלָלָהּ** - און דו זאלסט פארברענען אין פייער די שטאט און איר גאנצן רויב (דברים יג, טו-יז).

לאמיר זיך פארשטעלן אז דער שטראף איז אויסגעפירט געווארן. כלל ישראל, מיט געטריישאפט צו השי"ת, איז אויפגעשטאנען ווי א לייב אויסצופירן דעם באפעל פון דער תורה און ארויס אין א מלחמה קעגן די זינדיגער, און יעצט זענען אלע איינוואוינער טויט. די שטאט און פארמעגן זענען חרוב. די זאך איז שוין פארטיג.

### א קליינע צירונג

אוי ניין, ס'איז נישט! קומט דער תורה און לייגט צו נאך עפעס, **וְלֹא־יִדְבַּק בְּיָדְךָ מְאוּמָה מִן־הַחֵרֶם** - און קיין שום זאך פון דער פארוויסטעניש זאל זיך נישט אנקלעבן אין דיין האנט (שם יח).

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

ס׳איז א משל: ווען דו נעמסט ארויס די הענט פון א שיסל ליים אדער מאראסט, וועט די הענט אייביג איבערבלייבן קלעבעדיג, אפילו נאר אביסל. אפשר איז עס נישט אנזעעדיג, אבער ס׳איז דארט. זאגט דער אויבערשטער אז ווען דו גייסט ארויס פון דער חרוב׳ער שטאט, מאך זיכער אז **לֹא־יִדְבַּק בְּיָדְךָ מְאוּמָה**, גארנישט זאל נישט זיין צוגעקלעבט צו דיינע הענט.

שטעל דיך פאר, דער עיר הנידחת איז פארויכערט און חרוב און דו נישטערסט צווישן די אש ווען פלוצלונג זעסטו עפעס א שיינענדיגע זאך. ס׳איז א קליינע צירונג אדער א גאלדענער זייגער וואס איז נישט פארברענט געווארן. דער אוצר האט גארנישט צו טון מיט עבודה זרה ס׳איז גענצליך כשר. אויב דו קלערסט עס צו נעמען פאר דיר, האט עס גארנישט צו טון מיט׳ן ענין פון עבודה זרה. דו טראכסט צו דיר אז אפשר קענסטו עס נעמען פאר דיר. ״ניין, אויסדריקליך נישט!״ זאגט דער פסוק. אפילו דאס ביסל זאל נישט קלעבן צו דיינע הענט.

און דערויף לייגט די תורה צו וויכטיגע ווערטער, **לְמַעַן יָשׁוּב ה׳ מֵחֲרוֹן אַפּוֹ** - כדי דער אויבערשטער זאל זיך אפקערן פון זיין צארן (שם). דאס מיינט דיין געטריישאפט צו מיר וועסטו צייגן דורך נישט צורירן אפילו צו דער קלענסטער זאך.

## ארויסגיין פון די גרעניצן

אלזא, דאס איז זייער א שווער זאך צו פארשטיין, ווייל סאיז זיכער אז אויסצופירן אזא שטראף אויף א אידישער שטאט איז געווען א שרעקליכע זאך, ארויס פון פראפארציע. דו באגרייפסט וויפיל געטריישאפט און ליבשאפט צו השי״ת האט זיך פארלאנגט חרוב צו מאכן א אידישע שטאט? ס׳האט געריסן ביים הארץ צו לייגן אידישע קינדער אונטער דער שווערד.

דער עיר הנידחת נאך אלעם איז געווען א שטאט פון מענטשן וואס האבן געגעסן כשר׳ס, געהיטן שבת און טהרת המשפחה. אין יענער צייט האט יעדער אלעס געהיטן, נאר אין צוגאב צו דער תורה האט מען אויך געדינט עבודה זרה.

א געטשקע איז געווען א סימן פון גוטן מזל. אויב דו האסט געוואלט מצליח זיין ביים איינפלאנצן אדער אין געזונט פון דער משפחה, אויסער דאווענען צום באשעפער, האט מען אויך געפרעפלט צו א געטשקע. מען זעט דאס אויך היינט. אבער זיי זענען געווען ערליכע מענטשן. זיי זענען אלע געווען פרומע אידן און דעריבער איז דער באפעל צו הרג׳ענען אלע איינוואוינער פון שטאט געווען א פיינליכער באפעל פאר כלל ישראל. לויט דעם, איז עס דאך א געוואלדיגער געטריישאפט און הערואיזם מקיים צו זיין די דינים, מיר פארשטייען אז דאס איז די ריכטיגער סיבה פארוואס דער צארן פון השי״ת איז געווארן צוריקגעדרייט.

אבער ניין! דער סדר פון דעם פסוק לערנט אונז עפעס דא. ״גארנישט זאל קלעבן צו דיינע הענט און נאר דאן וועט דער צארן פון השי״ת ווערן אפגעקערט.״ אויב דו ווילסט אז דער צארן פון השי״ת זאל זיך אפקערן פון כלל ישראל, אויב דו ווילסט נאכאמאל זוכה זיין צו רחמים פון השי״ת, דאן דארפסטו ארויסגיין פון די גרעניצן. **הַכֵּה תַכֶּה לְפִי־חָרֶב**, נאר נאכדעם וואס דו וועסט ערפילן די ווערטער, דעמאלטס וועט השי״ת זיך איבערבעטן מיט אונז.

ווען דו קומסט צו דער מדריגה אז דו ביסט שוין אזוי דערקעגן וואס האט פאסירט אין דער שטאט אז דו וועסט גארנישט וועלן ארויסנעמען פון יענער פלאץ, נישט קיין חילוק ווי

אומשולדיג דער חפץ זאל נאר נישט זיין, דאן איז עס א סימן אז השי"ת איז קלאר אין דיינע אויגן אויפ'ן גרעסטן פארנעם, אז מיר ווייזן די גרעסטע מאס געטריישאפט צו די ענינים פון דער תורה. די שיירי מצוה, די קליינע איבערבלייבענישן פון א מצוה, דער רינדל פון ברויט וואס דו האסט געמיינט אז ס'איז איבריג, זענען זייער וויכטיג! כלל ישראל וויל נישט דעם מינימום. פאר הקדוש ברוך הוא וועלן מיר געבן אלעס!

## די ד' מינים מיט התלהבות

אצינד, דאס צו אילוסטרירן נאך אביסל וועלן מיר לערנען פון מסכת סוכה. דו ווייסט אז לויט דער תורה, צו ערפילן די מצוה פון נטילת לולב דארף מען נעמען די פיר מינים אין האנט. און מער פון דעם דארפסטו גארנישט טון. אין אן אויגנבליק קען די מצוה אויסגעפירט ווערן. דער אמת איז אז אויב **מצוות אין צריכות כוונות**, אויב דער דין איז אז דו דארפסט נישט האבן קיין כוונות, וואלסטו געקענט אויפהייבן דעם לולב מיט דער כוונה צו האקן אויף איינעם און שוין וואלסטו יוצא געווען מיט דער מצוה.

דערפאר וועלן מיר, ווי דער מנהג איז, אויפהייבן דעם אתרוג אויף דער פארקערטער זייט, ווייל אויב דו וואלסט עס גענומען אין האנט אויף דער ריכטיגער זייט, וואלסטו שוין געענדיגט מיט דער מצוה נאך איידער דו האסט געמאכט די ברכה. נעמען מיר עס **שלא כדרך גדולתו**, אזוי זאלן מיר נאכנישט ערפילן דערמיט די מצוה, נאר קודם מאכן מיר די ברכה און דערנאך דרייט מען איבער דעם אתרוג. זעען מיר פון דעם אז די מצוה איז בלויז צו נעמען די ד' מינים.

## פון צפון צו דרום

אבער פאר די אידישע קינדער איז עס נישט גענוג. מיר לייגן עס נישט אראפ. מיר האלטן עס אין אונזערע הענט און מאכן די נענועים אין אלע פיר זייטן, ארויף און אראפ. מיר מאכן א דעמאנסטראציע אז השי"ת געוועלטיגט איבעראל, ער איז אויף צפון, דרום, מזרח, מערב, אויבן און אונטן.

צפון מיינט אז ער איז אין די North Pole. אויב דו בלייבסט אמאל געשטראנדעט אויפן North Pole זאלסטו וויסן אז הקדוש ברוך הוא איז דארט. און אויב דו וועסט נעמען א רייזע צו די South Pole וועסטו אים אויך דארט געפונען. אויב דו גייסט צו מזרח כינע איז הקדוש ברוך הוא מיט דיר. אויב דו וועסט פרובירן צו אנטלויפן צו האליוואוד, קאליפארניע איז ער אויך דארט. מעלה - אויב דו גייסט ארויף מיט א ספעיסשיף, מטה - פארסט אראפ ביז אונטן, וואו אימער דו וועסט דיך נאר קערן, וועסטו טרעפן דעם באשעפער. דעראיבער, וועלן עם ישראל נישט בלויז אויפהייבן די ד' מינים און דערמיט פארפילן דער מצוה נאר מיר שאקלען עס אין אלע זעקס זייטן.

לאמיר זאגן אז א מענטש איז מקיים די מצוה פון נטילת לולב און ער וויל נישט מאכן די נענועים, ער זאגט אז ער איז זייער ביזי, דער בית דין וואלט אים נישט געקענט צווינגען דערצו. מען דארף אים צווינגען צו טון די מצוה פון נטילת לולב, אבער נישט די נענועים, ווייל דאס איז שיירי מצוה.

## די נענועים באהיט פון צרות

אבער די גמרא קומט און זאגט אונז עפעס וואס מיר וואלטן נישט געוואוסט אליין. דו באגרייפסט ווי געוואלדיג גרויס איז דער קליינער אקט פון נענועים? **שיירי מצוה מעכבים את הפורעניות** - די איבערבלייבענישן פון דער מצוה, די קלייניקייטן צו דער מצוה, האלטן אפ שטראפן (סוכה לח, א).

דאס מיינט אז צולייגן די נענועים צו דער מצוה באשיצט אונז פון צרות וואס קומען אויף דער מענטשהייט. ווען מיר שאקלען דעם לולב צו די פיר זייטן, דאס האלט צוריק בייזע ווינטן וואס קענען מעגליך קומען פון די פיר זייטן און חרוב מאכן די געוויקסן. מען שאקלט עס אויבן ווייל צומאל קען קומען האגל וואס קען הרג'ענען די געוויקסן, אדער צומאל אן איבערפלוס פון רעגן, און מיר שאקלען עס אונטן אז די ערד זאל געבענטשט ווערן מיט פרוכטבארקייט.

די גמרא זאגט אז דורך די נענועים ווערן מיר באשיצט קעגן קרענק, אנשיקענישן, ערדציטערנישן אדער צו ווערן איבערגעפאלן, און כל מיני געפערליכע זאכן וואס קענען געשען צו דער מענטשהייט. ווער ווייסט וואס עס קען אלץ געשען ח"ו? און אלע חרון אף וואס קענען קומען צו אונז ווערן איבערגעדרייט אין זכות פון די נענועים.

## ברויט און ברעקלעך ווייזן געטריישאפט

דא שטעלט זיך א שאלה, ס'איז נאר א שיירי מצוה! די מצוה איז שוין אויסגעפירט געווארן די ערשטע מינוט וואס דו האסט גענומען דעם לולב אין האנט, און נאר ווייל דו האלסט עס ווייטער אין האנט און דו מאכסט די באוועגונג דערמיט, ביסטו שוין זוכה צו אזעלכע געוואלדיגע זאכן? קען אזא מינדערוויכטיגער אקט ווי שאקלען פיר מינים האבן אזא עפעקט אז ס'קען באשיצן פון אלעם בייזן?! דער ענטפער איז א הילכיגן יא! ווייל דאס דעמאנסטרירט וואס עס טוט זיך אין קאפ. דו ווייזט געטריישאפט און ליבשאפט צו א מצוה. דורך טון מער ווי מען דארף ווייזטו דיין ספעציעלע ליבשאפט צו השי"ת און דערפאר קומט זיך דיר א ספעציעלע באהאנדלונג פון השי"ת.

## וואס מיינט חסידות?

חז"ל זאגן אונז ווי פאלגנד, "ווער ווערט אנגערופן א חסיד? **המתחסד עם קונו** (ספר הזהר), איינער וואס ווייזט ספעציעלע געטריישאפט, אויסערגעווענליכע איבערגעגעבנקייט צום באשעפער. דאס מיינט אז דער צוגאנג פון זיין אנגעשפיצט צו רצון השי"ת, צו וואס השי"ת וויל פון אונז, ווערט אנגערופן חסידות.

דער מסילת ישרים גיט א משל: א זון איז געגאנגען מיט זיין טאטן אין וועג. דער טאטע האט זיך אפגעשטעלט ביי א שויפענסטער צו באטראכטן א געוויסער מאטעריאל וואס איז געווען ארויסגעשטעלט. ווען דער טאטע דרייט זיך אויס, פרעגט דער זון, "טאטע אויף וואס האסטו געקוקט?"

"נישט וויכטיג," מאכט דאס דער טאטע אוועק. אבער דער זון פארצייכנט זיך דאס אין קאפ, און אויב דער זון איז אים געטריי, וועט ער שפעטער מיט זיין אייגענעם רצון צוריקגיין און

קויפן די זאך וואס זיין טאטע האט געוואלט האבן. א קליינער רמז פון זיין טאטע איז אים גענוג צו פארשטיין.

## פארשטיין די רמז

דער מסילת ישרים זאגט אז ווען כלל ישראל זעט א רמז אין דער תורה אז השי"ת לויבט אויס א געוויסע זאך, זענען מיר נישט צופרידן צו טון דעם מינימום. מיר ווארטן נישט צו ווערן געהייסן טון, נאר אנשטאט דעם זוכן מיר געלעגנהייטן אויסצופירן דעם רצון פון אונזער באליבטן טאטן, דאס מערסטע וואס שייך.

דאס אידישער פאלק האט ליב השי"ת און דעריבער זענען זיי אינטערסירט נישט נאר זיך צו פטר'ן מיט'ן מינימום, נאר גייען איבער אלע גרעניצן צו ווייזן **וְאָהַבְתָּ אֵת הַשֵּׁם אֱלֹקֶיךָ**. א מענטש וואס האט ליב דעם אויבערשטן שטעלט זיך נישט אפ. ער וועט זאגן, רבונו של עולם! **מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה** - ציה אונז צו דיר און מיר וועלן לויפן (שיר השירים א, ד). ווייז אונז אביסל וואס דו ווילסט, און מיר וועלן נישט ענדיגן.

# חלק ב': תורה מיט דרבנן'ס:

## אידישער אויסטרעף

אויב דו וועסט צולייגן קאפ, וועסטו זען ווי וויכטיג דער ענין איז אין אונזער לעבן. ס'איז ממש דער הינטערגרונט פון אידישקייט היינט, ווייל כמעט אלעס וואס מיר טוען איז נישט פונקט וואס מיר זענען אנגעזאגט געווארן. ס'איז עכט אן אויסדרוק פון געטריישאפט - און די פאלגענדע ווערטער וועט גאנץ מעגליך קומען אלס אן איבעראשונג צו דיר - דאס איז אלעס אונזער אייגענער אויסטרעף! דאס אידישע פאלק האט אויסגעטראפן כמעט די גאנצע תורה.

לויט דער תורה מעגסטו עסן קעז מיט פלייש צוזאמען. זאג פאר קיינעם נישט אויס דעם סוד אז דו מעגסט שמירן פוטער מיט קאלטע פלייש און זיי אויפעסן... דו מעגסט עס נישט קאכן צוזאמען, אבער עסן קאלט מעג מען יא. דו שטייסט געפלעפט? אפשר וואלט איך עס דיר נישט געמעגט זאגן. אבער ניין! דאס אידישע פאלק האלט עס ערליך איין. צוויי פּאָרן געשיה, ס'איז זייער שווער, אבער די אידן האבן גענומען אויף זיך מער ווי מען פארלאנגט פון זיי.

מיר זענען אן עם חסיד, דאס פאלק וואס טוט לפנים משורת הדין. מענער, פרויען און קינדער, אלע קומען זיך צוזאם צו הערן מגילת אסתר אום פורים. קיינער פעלט נישט. וועלכער פרומע איד וועט פארפאסן צו הערן די מגילה? און נישט איינמאל נאר צוויי מאל! און ס'איז נאר א מצות עשה דרבנן.

## חומרות פון פסח

און וואס איז מיט פסח? די דינים פון פסח, רוב פון די חומרות זענען נאר דרבנן. דאס אידישע פאלק האט אנגענומען אז אפילו בלויז א משהו חמץ, די קלענסטע מאס חמץ, וואס

לויט דער תורה איז עס בטל ברוב אדער בטל בששים, איז פארבאטן. מיר וועלן ניטאמאל טראכטן פון אזא זאך! די אידישע פרויען זענען זיך מוסר נפש דערפאר! זיי געבן זייער לעבן צו ערפילן די מצוות.

דאס זענען נאר עטליכע ביישפילן. ס׳איז א משל פאר די טויזענטער, הונדערטער טויזענטער זאכן. דאס איז די סיסטעם פונעם עם ה׳. אויב מיר קוקן אויף אונזערע מנהגים, וועלן מיר ווערן איבערראשט צו זען אז רוב זאכן וואס די אידן טוען צו ערפילן די מצוות פון אונזער אמונה איז נישט ארויסגעשריבן אין דער תורה. נישט נאר וואס ס׳איז נישט ארויסגעשריבן אין דער תורה, נאר ס׳איז ניטאמאל א געבאט פון דער תורה שבעל פה. כמעט אלעס וואס מיר טוען איז א הוספה וואס אונזער פאלק האט פרייוויליג אויסגעוועלט צו טון. ס׳איז א מערקווידיגער פאקט!

## אין פייער און וואסער

דאס גאנצע ענין פון קומען אין שול, דער גאנצע ביזנעס פון בית המדרש, איז נישט קיין געבאט פון דער תורה. ס׳איז נישטא קיין מצוה ארויסגעשריבן אין דער תורה צו מאכן ברכות. צו דאווענען פסוקי דזמרה, ניטאמאל שמונה עשרה. און דאך אידן איבער דער וועלט זאמלען זיך איין אין בתי כנסיות און פארזוימען זיך דארט א לענגערע צייט. מענטשן דארפן גיין ארבעטן. ס׳איז א גאנצע טרחה און צומאל דארפן זיי איבערהיפן פרישטאג צוליב דעם, אבער זיי זענען עס מסדר אין זייער טעגליכן סדר היום, און דאס איז אלעס א וואלונטיר־ארבעט וואס אונזערע אור־עלטערן האבן דאס אנגענומען אויף זיך פון זייער אייגענע רצון.

דאס איז די גרויסקייט פון אונזערע לייט. אוודאי איז עס מער נישט וואלונטיר־ארבעט, ווייל אונזערע טאטעס און מאמעס האבן דאס אנגענומען, און איינמאל אונזער פאלק האט עס אנגענומען איז עס שוין א חיוב אויף אונז. מיר וועלן גיין אין פייער און אין וואסער אנצוהאלטן וואס מיר האבן אנגעהויבן צו טון! אזוי שטארק האבן מיר ליב הקדוש ברוך הוא.

ס׳איז א מערקווידיגע בילד וואס עס שטעלט זיך דא ארויס, א בילד פון א הייליג פאלק וואס זוכט צו טון מער ווי מען ערווארט פון זיי.

## די אינהאלט פון ש״ס

ווען דו גייסט דורך דעם ש״ס, וועסטו זען אז אזוי איז עס. בלאט נאך בלאט פון דינים דרבנן. יא, וועסט טרעפן דאורייתות. בבא קמא, בבא מציעא, און בבא בתרא זענען רובו כולו דאורייתות, צי ס׳איז דינים פון חומש אדער **למה לי קרא סברא הוא**. דאס זענען אלע זאכן וואס די תורה פארלאנגט, אבער דאס איז אן אויסנאם! רוב פון ש״ס איז דרבנן. כמעט אלעס איז אן הוספה וואס איז צוגעלייגט געווארן דורך די אידן. אונזער לעבן איז א ״דרבנן לעבן״.

אויב מיר וואלטן געווען איינגעצוימט צו די דינים פון דער תורה, אנשטאט מסכתת שבת, א גרויסע שווערע מסכתא, וואלט עס געווען א קליינע ביכל מיט געציילטע משניות און עטליכע בלעטער גמרא. מסכת עירובין איז נאר א הוספה וואס אונזער פאלק האט געמאכט. מסכת עירובין איז אלעס דרבנן. ס׳איז נישטא קיין איין איינציגע דאורייתא אין מסכת עירובין. עירובין איז א באפיצונג צו מסכת שבת.

## אן אנדער סארט שבת

אויב מיר וואלטן געהיטן שבת לויט די געזעצן פון דער תורה און גארנישט מער, וואספארא סארט שבת וואלט עס געווען? מיר וואלטן נישט געגעסן די דריי סעודות שבת. מיר וואלטן נישט אנגעטון מלבושי שבת. אוודאי וואלט נישט געווען קיין שחרית, מנחה, אדער מעריב. ס'וואלט בכלל נישט געווען קיין קריאת התורה. מיר וואלטן ניטאמאל געקומען צום ביהמ"ד.

דער אמת איז אז לויט דער תורה איז אום שבת גארנישט דא צו טון. דו וואלסט אויפגעשטאנען פרייטאג צו נאכטס און דעקלערט, "ס'איז שבת," און מיט דעם וואלסטו ערפילט די מצוה פון דער תורה. דו ביסט מקיים די מצוה פון שבת דורך דערמאנען אז ס'איז שבת און פארטיג. דו דארפסט נישט קיין וויין, נישט קיין ספעציעלע עסן אדער סעודות.

מיר וואלטן געבליבן אינדערהיים אדער וואלטן מיר ארומשפאצירט איבער די פעלדער. דו קענסט גיין צווישן דיין גארטן, אויפהייבן די שטיינער און רייניגן דיין גארטן אום שבת. די גאנצע שמירת שבת וואס וואלט געווען איז בלויז אז מיר טוען נישט די ל"ט מלאכות, אבער מיר וואלטן מטלטל געווען מוקצה. מיר וואלטן געשפילט מוזיקאלישע אינסטרומענטן. מיר וואלטן געטון זאכן וואס די אידן טוען נישט אום שבת. שבת וואלט נישט אויסגעזען דער זעלבער.

## מיר ווען דיר געבן א שבת

ס'איז מערקווירדיג וואס די אידן האבן געטון צו דעם קאנצעפט פון שבת. אוודאי איז השי"ת דער וואס האט מרמז געווען ווי אזוי עס צו טון, אבער מיר האבן עס געטון. מיר זענען די וואס האבן צוגעלייגט צו מאכן דעם שבת א פראכט. שבת איז א מאנומענט צו דעם חסידות פון דעם פאלק וואס זאגט **מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה**. השי"ת ווייז אונז אביסל וואס דו ווילסט און מיר וועלן לויפן.

דו ווילסט שבת? אלזא, וועלן מיר דיר געבן א שבת. נישט בלויז א שבת וואס דו האסט געבעטן אז מיר זאלן נישט אנצינדן א פייער, אז מיר זאלן נישט שרייבן, וועבן אדער בויען. ניין! דאס איז נישט א שבת. מיר וועלן דיר געבן א שבת מיט אלע מפרשים! דו ווילסט אז מיר זאלן דעקלערן א טאג פון שבת, וועלן מיר עס טון אויף וויין, און מיר וועלן עס טון צוויי מאל. מיר וועלן עס טון בייטאג אויך. מיר וועלן דיר געבן א שבת מיט שלש סעודות און זמירות. מיר וועלן דיר געבן א שבת מיט בגדי שבת, א שבת מיט הלכות מוקצה, א שבת מיט קריאת התורה, און אלע פיטשיווקעס ארום וואס מאכט עס דעם הערליכסטן טאג אויף דעם קאלענדער.

## דריי טעג יום טוב

אויך יום טוב! כמעט אלע ימים טובים זענען חסידות! די גמרא זאגט אז ווען יום טוב קומט, איז א מצוה איר מכבד צו זיין מיט פאראד, און דעריבער געבן מיר זיך אינגאנצן איבער. מיר טוען אן בגדי יום טוב און מיר גרייטן צו ברייטע סעודות. מיר עסן ספעציעלע מאכלים און מיר טרינקען ספעציעלע געטראנקען לכבוד יום טוב. דאס אידישע פאלק אין גלות האבן אפילו צוגעלייגט דעם צווייטן טאג יום טוב.

די רעפארמער זענען אויבער־חכמים. זיי האבן מבטל געווען דעם צווייטן טאג יום טוב. זיי האבן נאר געוואלט דעם ערשטן טאג. השי״ת זאגט, ״לויף מיך נאך,״ און זיי ווערן פארנומען צו לויפן אויף דער פארקערטער ריכטונג, און יעצט היטן זיי דעם ערשטן טאג אויך נישט.

און נישט נאר וואס מיר האבן צוגעלייגט א טאג, נאר מיר האלטן אין איין מאכן פארשריט. ווען די ימים טובים קומען צום זמן מוציא, איז אלעס גערנדיגט. מיר זענען נישט באאויפטראגט צו טון מער פון וואס יום טוב איז. דו קענסט ארויסקוקן פון פענסטער און אפציילן די שטערנס צו וויסן אז יום טוב איז אריבער. פארוואס נישט? ווען די נאכט פאלט צו, איז אלעס אויס.

אבער דא איז א מענטש וואס ווען יום טוב גייט אריבער טראכט ער נאכאלץ דערפון. ס׳איז שוין דעם אנדערן טאג און ער דארף שוין גיין צו דער ארבעט. אבער דער מענטש, ביי פרישטאג, איידער ער גייט ארויס צו דער ארבעט, לייגט ער ארויס אויפ׳ן טיש א באטל וויין. ער האט נישט קיין צייט צו טרינקען אסאך, אבער ער גיסט זיך אן א קליין ביסל וויין ביי פרישטאג. ער איז מוסיף נאך עפעס צו זיין פרישטאג וואס ער וואלט נארמאל נישט געגעסן. און ער טוט עס לכבוד די ימים טובים וואס זענען אריבער. דער מענטש איז מוסיף צו דער שמחת יום טוב.

## גארנישט נאריש

דו ווערסט זאגן אז ס׳איז נאריש. נאך אלעם איז שוין בכלל נישט יום טוב. נעכטן נאכט איז געווען הבדלה. ס׳איז אלעס אריבער. יעדער איז שוין פארטיג מיט די ימים טובים. מען איז שוין אנגעטון וואכעדיג. יעדער ארבעט שוין. די התלהבות פון ימים טובים איז אוועק און דער נארישער מענטש פרובירט צו טון וואס ס׳איז פאסיג פאר א טאג פריער.

אה, ניין! ער איז בכלל נישט נאריש! ס׳איז אסרו חג! ״יעדער וואס מאכט אסרו חג אן הוספה צו יום טוב דורך עסן און טרינקען עפעס מער, רעכנט עס דער תורה ווי ער וואלט געבויט א מזבח פאר השי״ת און ער האט מקריב געווען קרבנות״ (סוכה מה, ב).

א קרבן?! אבער ס׳איז א טאג נאך יום טוב! ס׳איז אלץ שוין אריבער. דער בית המקדש איז שוין ליידיג. אבער דו ביסט נאכאלץ אינעם אטמאספער פון יום טוב ווייל ס׳איז דיר שווער זיך צו שיידן פון השי״ת.

מיין נישט אז דיין קליינע סעודה׳לע וואס דו פראוועסט ביי פרישטאג איז פארעכנט פאר א קליינע זאך! ס׳איז א גרויסער לימוד אז צולייגן איבער די מצוות איז אזא געוואלדיגע דערגרייכונג אז ס׳איז כאילו ער האט געבויט א מזבח און האט געברענגט א קרבן צו השי״ת, און הקדוש ברוך הוא נעמט אן די איבערגעגעבנקייט פון א ברייטן הארץ.

## א דעמאנסטראציע פון ליבשאפט

דער רבינו יונה אין שערי תשובה ברענגט א מאמר חז״ל וואס וועט העלפן פארברייטערן אונזער טעמע, **חביבים דברי סופרים יותר מיינה של תורה**. דאס מיינט די ווערטער פון די סופרים, דאס זענען די דינים וואס חז״ל האבן געמאכט פאר די אידן, זענען נאך מער באליבט ווי די רייד פון דער תורה.

יעצט, געוויסע מענטשן ווילן בריקען ווען זיי הערן דאס! די דיני דרבנן זענען חשוב׳ער ווי די ווערטער פון הקדוש ברוך הוא?! איז דאס נישט אן אינטערסאנטע זאך צו זאגן?

אבער דער רבינו יונה איז מסביר ווי פאלגנד, ער זאגט אז איינער וואס איז איבערגעגעבן מיט ליבשאפט צו די רייד פון דער תורה, וועט ער מאכן נייע גדרים, אינגאנצן נייע אסורים, כדי ער זאל נישט קומען נאנט עובר צו זיין אויף די רייד פון דער תורה.

ער זאגט אזוי: ס׳איז אזוי ווי א קעניג וואס האט איינגעפלאנצט א גארטן פון גוטע פרוכט און הערליכע בלומען. וואס טוען זיינע געטרייע קנעכט? זיי מאכן א צוים ארום דעם גארטן אז קיינער זאל נישט קענען אריבערגיין. אלזא, דער קעניג האט נישט פארלאנגט פון זיי צו מאכן א צוים. זיי האבן עס געטון מיט זייער אייגענעם רצון, און דאס איז די גרויסקייט פון דעם צוים. עס ווייזט זייער איבערגעגעבנקייט צו באשיצן דעם גארטן. עס דעמאנסטרירט זייער אינטערעס צו טרעפן חן אין די אויגן פונעם קעניג.

דעריבער, פארשטייען מיר אז ווען חז״ל שטעלן אוועק געוויסע צוימונגען, אייגענע אסורים, כדי דאס פאלק זאל זיין אפגעהיטן פון עובר זיין אויף די מצוות פון דער תורה, דאס איז אויך אן אויסדרוק פון ריינער ליבשאפט צו הקדוש ברוך הוא.

און ווען דאס אידישע פאלק האט מיט׳ן אייגענעם רצון אנגענומען די צוימונגען, אלץ מער איז עס אן אויסדרוק פון אהבת השם. נאך אלעם זענען די חז״ל נישט געווען קעניגען. זיי האבן נישט געהאט א כח. זייער כח איז געקומען פון די מענטשן, און דעריבער, יעדע מצוה וואס די חכמים האבן געמאכט איז געווען א מצוה פון די מענטשן, און ווען אונזערע אור־עלטערן האבן אנגענומען מיט רצון מוסיף צו זיין זייער התחייבות, איז עס געווען א דעמאנסטראציע פון ליבשאפט צו דער תורה, אזויפיל ליבשאפט אז זיי ווילן זיין פארזיכטיג מיט יעדער זאך, אפילו די ווייטסטע מעגליכקייט וואס קען צוברענגען עובר צו זיין אויף א לאו.

## דער צוים פון רויזן

דאס איז דער פארשריפט וואס דאס אידישע פאלק איז נאכגעגאנגען אינאיינעם. ס׳איז א נאציאנאלע סיסטעם וואס כלל ישראל פירט זיך פון בראשית אן. פון ווען מיר זענען געווארן א פאלק האבן מיר פארשטאנען דעם פרינציפ און מיר פירן עס אויס. **עשו סיג לתורה** - מאכטס א צוים צו דער תורה (אבות א, א). ווייל אויב דו האסט א צוים, וועט עס דיר היטן פון אריינקומען אין גארטן און עסן פון די פארבאטענע פרוכט.

אבער ס׳איז נישט ווי מענטשן מיינען אז דאס איז א צוים פון דערנער. אין שיר השירים שטייט **סוּגָה בַּשּׁוֹשַׁנִּים** (ז, ג). כלל ישראל איז ארומגענומען מיט רויזן. ס׳איז נישט צוימען פון דערנער, צוימען וואס זענען אונז גורם אומצופרידנקייט. דאס אידישע פאלק שיינט אין איר תורה. זיי זענען שטאלץ מיט די צוימונגען. מיר האבן די צוימען פון בלומען וואס האלטן אונז צוריק פון עבירות, פון דורכפאלן מיט אסורים. דאס אידישע פאלק איז געבליבן ריין נאר צוליב די ״צוימען פון בלומען״ וואס חז״ל האבן אויפגעשטעלט צווישן זיי און די זאכן וואס זענען נישט ריכטיג.

אלזא, האבן מיר יעצט א נייע סארט תורה, די תורה פון כלל ישראל. אוודאי האט דאס השי״ת

באשטעטיגט און יעצט איז עס זיין תורה, אבער פאקטיש קומט די תורה פון אונזער פאלק, די תורה פון גיין איבער דער גרעניץ פון התחייבות.

## נאר די איין זאך...

אוודאי זענען מיר פארשפעט געווארן דערפאר. מיר האבן געהאט געגוג פיינט נאר צוליב דער געטריישאפט וואס מיר ווייזן ארויס. קודם האבן מיר געהאט די צדוקים, ביים סוף פון בית שני. די צדוקים האבן אונז כסדר באגאסן מיט גיפט, ווייל מיר האבן צוגעלייגט צו דער תורה. די קריסטן האבן אונז אויך געפייניגט צוליב דעם.

דער קריסטליכער "בייבל" איז פול מיט טענות קעגן די חכמים פאר'ן צולייגן חומרות צו דער תורה. ס'איז געווען א קעגנערשאפט וואס איז כסדר אויפגעברענגט געווארן דורך אותו האיש און זיינע נאכפאלגער, אז די חכמים האבן אנגעמאכט שוועריגקייטן וואס די תורה האט נישט פארלאנגט. ווי אזוי האט זיך עס אויסגעלאזט? מיט דער צייט האבן די קריסטן אלעס אוועקגעווארפן. זיי האבן אויסגעטראפן א נייע טעאריע אז ס'איז אלעס אלטמאדיש און מער נישט אין באנוץ. נישט נאר וואס זיי האבן אוועקגעווארפן די חומרות פון חז"ל, נאר זיי האבן אוועקגעווארפן אלע מצוות פון דער תורה.

די רעפארמער טוען די זעלבע זאך. די ערשטע האבן געפרעדיגט, "זיכער דארפסטו זיין אנשטענדיג; זיכער דארפסטו האבן גוטע מידות, מענטשליכקייט און מאראלישקייט. ס'איז נישט קיין שאלה. זיכער דארפסטו היטן שבת! אבער אזויפיל חומרות איז שוין איבריג! מען קען ארויסשניידן הלכות מוקצה און חלקים פון דאווענען, אלע איסורי דרבנן און ענליכס און נאר בלייבן מיט די איסורי דאורייתא." אבער שבת? אוודאי האבן זיי געהיטן.

און וואס איז געשען צו זיי? צום סוף זענען זיי אנגעקומען קיין אמעריקע און די וואס האלטן נאך "סעטורדעי" ווייסן מיר שוין אליינס וואס דאס מיינט... דאס איז די שיטה פונעם יצר הרע, נאכצולאזן נאר צוביסלעך.

אזוי ווי די גמרא (שבת קה, ב) זאגט, **כך הוא דרכו של יצר הרע.** דער שטן זאגט, זיכער דארפסטו זיין אן ארענטליכער איד. זיכער דארפסטו אלעס היטן, נאר די איין זאך דא איז נישט וויכטיג; ס'איז איבריג. **היום אומר לו עשה כך** – היינט זאגט ער, טו אזוי, א קלייניגקייט, **ולמחר אומר לו עשה כך**, דעם אנדערן טאג, אביסל מער, **עד שאומר לו עבוד עבודה זרה והולך ועובד**, דער מענטש ווערט צום סוף דינען עבודה זרה.

היינט זענען דא רעפארמער וואס זענען זיך מטמא מיט נישט קיין ריינע זאכן. ס'איז דא א "ראביי סוזען" וואס רעדט אפן אין איר טעמפל אז זי גלייבט נישט אין באשעפער ר"ל.

## מיר געבן נישט קיין אינטש

ווייל נאך אלעם, פון בראשית אן, איז זייער קעגנשאפט פון אט די קליינע, מינדערוויכטיגע דעטאלן נאר געווען א סימן פון זייער פארפוילטקייט אין זייער נשמה. ס'איז געווען א חסרון אין זייער ליבשאפט צו השי"ת, די ליבשאפט וואס כלל ישראל האט דעמאנסטרירט דווקא דורך

זיין א פאלק פון חסידות. ווייל ווען דו פארשטייסט אז ס'איז אלעס א דעמאנסטראציע פון אהבה, ס'איז אלעס **חביבין דברי סופרים**, איז נישט דא קיין שוועריגקייטן דערביי.

דעריבער, ווי מער אונזערע פיינט פייניגן אונז און רעכענען דאס פאר אונזער גרעסטע עוולות, ווייזט דאס אויף אונזער גרעסטע חשיבות. ב"ה אז מיר קלאמערן זיך נאך צו אונזערע צוימען און מיר קלאמערן זיך נאך צו די אריגינעלע געזעצן וואס די צוימען באשיצן. די געטרייע מענטשן פון השי"ת ווילן זיך נישט אונטערבייגן קיין אינטש. מיר האבן צו שטארק ליב השי"ת פאר אזעלכע זאכן.

## חלק ג' געטריישאפט פון הקב"ה

### השי"ת איז מער גענייגט צו די אידן

מיר זעען אז ס'איז צוויי־זייטיג, השי"ת האט אונז ליב אויף צוריק. ער איז אויך געטריי צו אונז. כ'וועל עס מסביר זיין. אין דער תורה שטייט, **יִשָּׂא הַשֵּׁם פָּנָיו אֵלֶיךָ** - דער באשעפער זאל אויפהייבן זיין פנים צו דיר (במדבר ו, כו). דער אויבערשטער וועט זיין א נושא פנים. ער וועט אויפהייבן זיין פנים קעגן כלל ישראל.

דער אויסדרוק **נושאי פנים** דארף א הסבר, ווייל נאך אלעם איז השי"ת'ס פנים קעגן יעדן. ער קוקט אויף יעדן א גאנצע צייט. דעריבער, וואס מיינט עס אז ער הייבט אויף זיין פנים צו אונז? דאס מיינט אז השי"ת וועט זיין מער גענייגט צו כלל ישראל. ער וועט אונז ליבן מער ווי סיי ווער.

און דאס איז אויסגעפירט געווארן. ער גלייכט זיין פאלק און נאר צוליב דעם עקזיסטירן מיר נאכאלץ. עס זענען נישט דא קיין שום פארצייטישע מענטשן וואס האלטן נאך אן זייער עקזיסטענץ ביז צום היינטיגן טאג. יעדער איז געגאנגען אין דער ערד. די אמאליגע מענטשן, די גריכן און אנדערע געצנדינערס, זענען באגראבן מיט זייערע פאלאצן. אפילו זייער שפראך איז מער נישט בנמצא. זיי וועלן שטענדיג בלייבן באגראבן אונטער בערג פון זאמד אזוי ווי די גרויסע טעמפלס און פאלאצן פון בבל.

### די שפראך וואס טוישט זיך נישט

און ווער גייט איבער זיי אלע? די אידן שטייען נאך איבער אלעם. מארק טוויין האט זיך אמאל דאס אויסגעדריקט. ס'איז אינטערעסאנט ווי א גוי האט דאס געזאגט, "די אידן גייען איבער די מציבות פון זייער אונטערדריקער." מיר זענען נאכאלץ דא! עס איז פארהאן נאר איין גרופע וואס גייט ווייטער אומבויגזאם, א פאלק מיט זיין קולטור, מיט איר גאנצע ערענסטקייט, א פאלק וואס איר שפראך וואס זיי נוצן אין זייערע הייליגע ספרים, די ווערטער וואס זיי נוצן ביי זייערע תפילות איז די זעלבע וואס דוד המלך האט גענוצט אין זיין צייט! מיר נוצן פונקט די זעלבע ווערטער. מיר דאווענען נישט אין ענגליש אדער דייטש. פונקט די זעלבע ווערטער וואס דוד המלך האט געזינגען אויף זיין הארפ, זאגן מיר יעדן טאג, **תהילה לדוד**. מיר טוישן זיך נישט.

יעצט, אזא זאך קען נישט געשען פון זיך אליין. ס'איז א נס. הקדוש ברוך הוא ווייזט אונז א ספעציעלע נייגונג, אויסשליסענדיג די אנדערע. דעריבער שווימט ארויף א קשיא. אויב ס'איז דא אן אומבויגזאמער פאקט פון היסטאריע אז אלע פעלקער מוזן גיין אין דער ערד, וואס איז דער סוד אז מיט כלל ישראל פאסירט דאס נישט? מיט וואס האט זיך כלל ישראל פארדינט דעם אייגנארטיגע נייגונג פון השי"ת צו זיי?

## די מלאכים פרעגן א קשיא

די גמרא (ברכות כ, ב) לייגט די קשיא אין מויל פון די מלאכים, **אמרו מלאכי השרת לפני הקדוש ברוך הוא** - די מלאכים זאגן צו הקדוש ברוך הוא, האסטו נישט געזאגט אין דיין תורה, **אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָנִים**? אז דו וועסט נישט נייגן צו איינעם מער ווי צום צווייטן? איז ווי קענסטו זאגן **יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ**, אז דו ביזט מער גענייגט צו כלל ישראל?

דאס איז די שאלה וואס די מלאכים האבן פארגעלייגט צו השי"ת. פארוואס מאכסטו אן אויסנאם מיט די אידן און דו ביזט נושא פנים?

יעצט, הער דיך צו צו וואס הקדוש ברוך הוא ענטפערט זיי, **וכי לא אשא פנים לישראל** - זאל איך נישט נייגן צו זיי? אוודאי מאך איך אן אויסנאם צו זיי, ווייל זיי נייגן צו מיר!

## חסידות אויף ברכות

ווי אזוי נייגן זיי צו מיר? זאגט השי"ת, **שכתבתי להם בתורה**, **וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ**, **והם מדקדקים על עצמם עד כזית ועד כביצה** - איך האב געשריבן אין דער תורה אז ווען מען ווערט זאט דארף מען בענטשן און זיי זענען מדקדק ביז א שיעור כזית און כביצה.

דאס מיינט אז עס זענען דא צוויי תנאים וואס פארלאנגט צו בענטשן, ערשטנס ס'דארף זיין ברויט, און צווייטנס, ס'דארף זיין **לשובע**, געגעסן מיט זעטיגקייט.

יעצט, קומען די אידן און זאגן, אויב דאס איז וואס מיר זעען אז השי"ת וויל פון אונז, דאן פארוואס זאלן מיר עס נישט טון ביז'ן סוף און בענטשן השי"ת? נאר ווייל מיר האבן זיך נישט אנגעזעטיגט זאלן מיר אים נישט דאנקען? אזוי האבן זיי אנגעהויבן די גאנצע זאך פון ברכת המזון אפילו אויב ס'איז נישט געווען **לשובע**, נאר א קליין ביסל עסן!

און זיי האבן זיך נישט אפגעשטעלט דארט. זיי האבן געזאגט, פארוואס נאר אויף ברויט? קארטאפל און צוויבל האבן אויך א גוטן טעם! מיר וועלן אים דאנקען אויף פאר דעם! און פארוואס נאר נאכדעם וואס מיר האבן שוין געגעסן? איינמאל מיר זענען דארט, ווילן מיר ווייזן השי"ת ווי שטארק מיר האבן אים ליב און ווי שטארק מיר ווילן אז ער זאל אונז ליב האבן, לאמיר אים בענטשן אויך פארן עסן!

דאס איז וואס דאס פאלק פון חסידות זאגט, און אזוי האבן זיי אוועקגעשטעלט מסכת ברכות. דאס איז דאס גאנצע מסכת ברכות. ס'איז אלעס חסידות. ס'איז אלעס ווי אזוי כלל ישראל גייט איבער די גרעניצן פון פליכטן. חוץ די צוויי הלכות פון קריאת שמע איז מסכתת ברכות כמעט אינגאנצן די פליכטן וואס כלל ישראל האט גענומען אויף זיך צוליב זייער ליבשאפט צו השי"ת.

דערפאר זאגן מיר, **מאן דבעי למהוי חסידא** - אויב איינער וויל זיין אן אויסערגעווענליכע עובד השם, **לקיים מילי דברכות** - זאל ער מקפיד זיין אויף ברכות (בבא קמא ל, א). דאס איז ווייל דאס איז עס; א מסכת פון חסידות!

## די לעקציע פון עיר הנידחת

פון די אלע צוגעקומענע זאכן וואס מיר טוען, קען מען זען וואס ס'טוט זיך אין אונזער הארץ. דעריבער זאגט השי"ת, דו גייסט ארויס פון דיין וועג מיר צו ווייזן ליבשאפט, וועל איך דיר ווייזן מיין ליבשאפט צו דיר. איך וועל נושא פנים זיין צו דיר, און דו וועסט זיין א פאלק וואס שטייט שטאנדהאפטיג אין אלע שווערע אומשטענדן.

אלזא, זעען מיר דעם סוד פון אונזער עקזיסטענץ. אונזער סוד איז אז מיר זענען עקסטרעם! מיר דעמאנסטרירן אונזער ליבשאפט צו הקדוש ברוך הוא דורך געבן מער ווי מען פארלאנגט פון אונז. כלל ישראל האט געלערנט דעם לימוד פון אוועקשטיין אפילו פון א קליינע זייגערל וואס ליגט צווישן די אש פון עיר הנידחת. מיר האבן געלערנט ווי אזוי אפצוקערן דעם חרון אף פון השי"ת וואס האט געצערנט.

כלל ישראל האט אנטוויקלט איר אייגענעם כאראקטער דורך ארויפברענגען די פרינציפן פון דער תורה אינעם ראם פון דער תורה.

אין יעדן ווינקל פון זייער לעבן, אינעם אלגעמיינעם און אין פריוואט, דעמאנסטרירן זיי זייער איבערגעגעבנקייט צו השי"ת דורך מאכן גזירות און הרחקות. און יעדער דור לייגט צו נאך און נאך חומרות צו די פריערדיגע דורות. יעדער דור זעט פאר וויכטיג צוצולייגן מער צוליב דעם ירידת הדורות וואס הערשט אינעם אטמאספער

אפילו אמאליגע צייטן, ווען די וועלט איז געווען אזויפיל מער נארמאל, האבן די אידן זיך גערוקט פאראויס צוליב זייער ליבשאפט צו השי"ת.

## ווינט שטורעמען אין אמעריקע

וואס זאלן מיר שוין זאגן היינט ווען די לופט איז אזוי פול מיט קארופציע? היינט, מער ווי סיי ווען, זענען מיר ארומגערינגלט מיט דער שלעכטיגקייט פון דער גוי'אישער וועלט. וויפיל מער דארפן די תורה־טרייע אידן צולייגן חומרות איבער חומרות.

כ'האב באגעגנט מיינ'ס א חבר, אן עכטע ליטוואק. ער האט ארייגעשיקט זיין טאכטער אין בית רחל שולע. פרעג איך אים, "ווי קומט א ליטוואק צו סאטמאר? וואס גייט פאר?" זאגט ער מיר אז די צייטן האבן זיך געטוישט. ער האט מיר געגעבן א משל: ס'איז אזוי ווי א מענטש גייט אין גאס ווען ס'איז דא א שטורעם ווינט. ער האט מורא אז ער וועט ווערן אומגעווארפן און דעריבער גייט ער עטוואס איינגעבויגן קעגן דעם ווינט אנצוהאלטן זיין באלאנס.

## ס'איז נישט אלעמאל געווען אזוי

דעריבער, אין די היינטיגע שווערע צייטן, ווען אזויפיל אידישע קינדער ווערן פארפאלן, איז

נישט געגנוג צו זיין ארטאדאקסישע אידן, אפילו אויב זיי וועלן זיין אזוי ווי זייערע עלטערן וואס זענען געווען גוטע מענטשן. ס׳איז נישט געגנוג, ווייל ס׳דא בייזע ווינטן וואס בוזשעווען! דו מוזט דיך אראפבייגן, ווייל אויב נישט, וועלן דיך די בייזע ווינטן אומווארפן און דיר פארקירעווען פון ריכטיגן וועג.

דעריבער דארפן די קליינע גרופע תורה־טרייע אידן זיין נאכמער געטריי. דאס זענען מיר! די פרומע היינט. אפילו זאכן וואס אונזערע אור־עלטערן אין אייראפע האבן נישט געטון, דארפן מיר דא אין אמעריקע יא טון. דו קענסט דיך נישט איפטון אז דו ביזט פונקט אזוי גוט ווי זיי זענען געווען אין די 30׳ער אדער 40׳ער יארן. דו דארפסט זיין מער עקסטרעם ווי דיינע עלטערן זענען געווען, ווייל דו וועסט נישט קענען בלייבן שטארק. זאכן וואס מיר האבן געקענט טון אן קיין שטער קען שוין נישט ווערן געטון היינט!

ס׳איז אן אנדער אטמאספער היינט. מיר דארפן צולייגן מער און מער, ווייל מיר ווערן מער און מער אויסגעשטעלט צו אן איבערפלוס פון שמוץ. ווי מער אפיקורסות און מאטעריאליזם, הפקירות, ליצנות און חוצפה בלאזן אויף די גאסן, אלץ מער הרחקות דארפן מיר מאכן.

## נישטא קיין ראדיא

היינט־צוטאגס, ווען א יונגע פארפאלק האט חתונה און דער מאן זאגט, ״הער דיך איין, מיט איין תנאי: נישטא קיין ראדיא אינדערהיים.״ זי וועט זיין אביסל איבעראשט דערפון, ווייל ביי אירע עלטערן איז אלעמאל געווען ראדיא. זיי האבן נישט געהאט קיין טעלעוויזיע; דאס פארשטייט זי. טעלעוויזיע איז ווי מיסט און ברענגט אריין שמוץ אינדערהיים, אבער ראדיא?!

אבער זי זאל נישט זיין אזוי איבעראשט, ווייל היינט איז אנדערע צייטן. ס׳איז נישט די זעלבע ראדיא. דו וועסט נישט קענען האבן א ריינעם מח אויב דו האסט א ראדיא אינדערהיים. די זאכן וואס דו הערסט דארט איז אויסערארדענטליך. מען הערט היינט אויף דער ראדיא וואס מען האט נישט געהערט דרייסיג יאר צוריק. דעריבער זאלן מיר נישט מורא האבן



זיך אויפצושטעלן און אויסרופן, ״ניין! מיר ווילן דאס נישט! מיר זענען היינט אנדערש ווי אמאל.״

## שטערבן פאר מער

ס׳איז דא א געוואלדיגע מידה וואס קען נישט דעמאנסטרירט ווערן נאר ווען מיר גייען איבער די גרעניצן פון אונזערע פליכטן, דורך זיך אויפפירן אין א וועג וואס איז מער ווי די נארמאלער ערשיינונג. מיר שטרעבן צו העכערקייט, צו א לעבן פון קדושה דורך גיין צו דער עקסטרעם פון ערליכקייט. דורכדעם וועט יעדע מענטש באזונדער און דער גאנצער פאלק אינאיינעם טרעפן חן אין די אויגן פון השי״ת.

און נאר דערפאר וועלן מיר עקזיסטירן נצח נצחים ווייל מיר וועלן נאכגיין די סיסטעם ביז אייביג. וואס אימער כלל ישראל האט איבערגעגעבן מיט זייער געטריישאפט, באקומען זיי צוריק מיט פראצענט. הקדוש ברוך הוא רעכנט זיך מיט דער גרעסטער מאס ליבשאפט צו די מענטשן וואס געבן זיך איבער צו דעמאנסטרירן זייער געטריישאפט צו אים.

דו מיינסט אז אומזיסט זענען מיר נאך דא טראץ די אלע פרואוון אונז צו אפווישן אז מיר זאלן שוין נישט עקזיסטירן**?!** מיר האבן פארגעזעצט צו עקזיסטירן לאנג נאכדעם וואס די מעכטיגע פעלקער זענען נעלם געווארן! און דאס איז נאר צוליב איין סיבה: ווייל מיר זענען אים געטריי און מיר שטרענגען זיך אן צו מאכן זיכער אז **וְלֹא־יִדְבַּק בְּיָדְךָ מְאוּמָה מִן־הַחֵרֶם**, אפילו דער קלענסטער שלעכטס זאל נישט קלעבן צו דיינע הענט. דערפאר, **יָשׁוּב הַשֵּׁם מֵחֲרוֹן אַפּוֹ**, וועט דער חרון אף פון השי״ת אפגעקערט ווערן פון אונז, **וְנָתַן־לְךָ רַחֲמִים וְרִחַמְךָ וְהִרְבֶּךָ**, און ער וועט דיר געבן רחמנות און זיך דערבארעמען אויף דיר און דיך פארמערן (דברים יג, יח)**.**

דערפאר זענען מיר נאך דא און מיר וועלן דא זיין ביז אייביג!

א פרייליכער שבת

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן ארייצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט:**

**347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

# שאלות ותשובות
## מיט ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

## שאלה:
## וואס דארפן מיר טראכטן ווען מיר הערן דעם שופר בלאזן אין חודש אלול?

## תשובה:

ווען מיר הערן דעם שופר בלאזן איז דא פיל זאכן פון וואס צו טראכטן; נישט איין זאך. ערשטנס דארפן מיר טראכטן היתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו - קען דען זיין אז זיי בלאזן שופר אין שטאט און די מענטשן טוען נישט ציטערן?! מיר דארפן גלייך ווערן דערשראקן! מיר מוזן זיין דערשראקן; אימת הדין - פחד פון דער משפט. דאס איז זייער וויכטיג. דער טאג דערנענטערט זיך און מיר דארפן ציטערן.

אבער דער ציטער דארף אויך ברענגען פאקטישע רעזולטאטן. מיר זאגן דורכאויס די גאנצע צייט אין סליחות עפעס וואס מיר טוען נישט למעשה. נחפשה דרכינו ונחקורה - "מיר וועלן נאכזוכן אונזערע וועגן." צי טוען מיר דען נאכזוכן אונזערע וועגן? צי דען זעצן מיר זיך אראפ פאר פינף מינוט, אפילו איינמאל אין אונזער לעבן, צו נאכזוכן אונזערע וועגן?! אה, אבער מיר זאגן דאס אין סליחות; "נחפשה דרכינו ונחקורה." ממממ... ממממ... מיר מורמלען די ווערטער. אזא שאד. איז ווען דו הערסט דעם קול שופר, טראכט פון דיינע מעשים. נחפשה! אויב וועסטו זוכן וועסטו געפינען. אה יא, ס'איז דא גענוג וואס צו טרעפן.

נאך א געדאנק ווען דו הערסט דעם קול שופר; דער שופר דארף אונז דערמאנען אז בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב; יעדן טאג קומט ארויס א קול פון הר סיני אונז צו דערמאנען צו לערנען תורה. דער קול שופר דערמאנט אונז פון דעם שופר וואס מיר האבן געהערט אויף דעם הר סיני. דאס איז איינע פון די רמזים פון דעם שופר. לערנסטו תורה? ביסטו אינטערעסירט אין לערנען תורה? טוסטו חזר'ן וואס דו האסט געלערנט? לערנסטו גענוג און פראבירסט צו ווערן א למדן? ס'איז זייער וויכטיג. יעדער קען ווערן א למדן אויב ער וויל. און דער באשעפער פארלאנגט דאס פון דיר.

אויך, ווען דו הערסט דעם שופר זאלסטו טראכטן, 'מיר אנערקענען דעם באשעפער אלס אונזער קעניג ווען דער שופר בלאזט.' אשרי העם יודעי תרועה. ווען דו הערסט דעם שופר בלאזן, ווייסטו אז דאס מיינט אז דער קעניג קומט. עס דארף אונז דערמאנען אז דער באשעפער איז דער מלך העולם. זאלסט טראכטן פון דעם ווען מען בלאזט שופר. דער באשעפער איז דער מלך העולם. ער איז דער בעל הבית פון די וועלט. ער איז דער בעל הבית פון די גאס. ער איז דער בעל הבית פון דיין הויז. ער איז דער בעל הבית פון אלעס וואס דו פארמאגסט. ער איז דער בעל הבית פון די שטערנס. ער איז דער מלך - ס'איז נאר צייטווייליג פארבארגט פאר אונז פאר א קורצע צייט. כי גרים ותושבים אתם עמדי. מיר זענען דא נאר די באזיכער פאר א קורצע צייט. ער איז דער בעל הבית; ער איז דער לענדלארד. ס'איז אלעמאל וויכטיג צו טראכטן פון דעם.

עס זענען דא פיל לערעס פון דער שופר, גאר אסאך לערעס. אבער סיי וואס זאל זיין, דארפן מיר מאכן ניצן דערפון און עס נישט סתם לאזן בלאזן אומזיסט.